Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT פרייז 20 גראָשען

היינט 8 זייטען.

# נייער פאָלקסבלאַט

אומפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 191/1486 | Łódź, Środa 15 sierpnia 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, כט מנחם אב תרפ"ח | Nr. 191/1486

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע: לאדז, פּיעטריקאָווער 21, טעל. 24-71

# פעלקער-ליגע וואַרפט אָפּ די ליטווישע פאָדערונג צו אינטערוועניִרען איז פויליש=ליטווישען סכסוך.

בערלין, 14 (ספ. טעל.) „פּאָסישע צייטונג" מעלדעט פון גענף, אַז דער גענעראַל-סעקרעטאַריאַט פון דער פעלקער-ליגע האָט אָפּגעוואָרפען די ליטווישע פאָדערונג, אַז די פעלקער-ליגע זאָל צוליב דער בלומרשט דראָהענדען מלחמה-קאָנפליקט אויף דער פויליש-ליטווישער גרעניץ אינטערוועניִרען אין דעם סכסוך.

## א געהיימניספולער עראָפּלאַן איבער'ן אָקעאַן.

לאָנדאָן, 14 (אַטע). לאָיד מעלדעט פון קאַפּרייס אין ניו-פאָונלאַנד, אַז די ענגלישע שיף סי-פיל האָט זונטאָג אין אָוונד בעמערקט אַ עראָפּלאַן אָדער הידראָפּלאַן, וועלכער האָט זיך נעטראָגען איבער'ן אָקעאַן. צוליב דער הערשענדער פינסטערניש האָט מען נישט געקענט בעמערקען די פאַרב און נאָמען פון עראָפּלאַן.

## דאס דירה-געלד זאל געהעכערט ווערען אויף נאך 72 פּראצענט.

וואַרשאַ, 14 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט). אין די נאָהענטסטע טעג זאָל פאָרקומען אַ זיצונג פון דער צווישען מיניסטעריאַלע-קאָמיסיע, אויף וועלכער עס זאָל בעטראַכט ווערען די פראַגע וועגען וואַלאָריזירען דאָס דירה-געלד.

ווי בעוואוסט זאָל דאָס דירה געלד געהעכערט ווערען ביז אויף 172 פראָצענט פון פאַר'מלחמה'-דיגען דירה-געלד. די איבעריגע 72 פראָצענט זאָלען נצהען אויף דעם אויפבוי פון נייע הייזער.

## מלוכה-בעאמטע וועלען בעקומען א הוספה פון 15 ביז 25 פּראצ.

וואַרשאַ, 14. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט). אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם 10-יעהריגען יובילעאום פון דער אומאָבהענגיגקייט פון דער פוילישער מלוכה האָט די רעגירונג בדעה צו געבען די מלוכה-אָנגעשטעלטע אַ הוספה פון 15 ביז 25 פראָצענט.

## מארשאל פילסודסקי צוריקגעקומען קיין ווארשא.

וואַרשאַ, (ספ. טעל.) היינט 6.55 פאַרטאָגס איז מאַרשאַל פילסודסקי מיט דער פרוי און טעכטער צוריקגעקומען קיין וואַרשאַ.

אויף דעם הויפּט-וואָקזאַל האָבען דעם מאַרשאַל פילסודסקי בעגריסט דער מיניסטער פאַר קאָמוניקאַציע אינזש. קיהן, פערטרעטער פון רעגירונגס-קאָמיסאַר פילפעקי, מאַיאָר וויעוויוראָווסקי און פאָר. רעליק.

## מארשאל פילסודסקי פאהרט דעם 25. אויגוסט קיין רומעניען

וואַרשאַ, 14. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט), ווי מען דערוויסט זיך בלייבט מאַרשאַל פילסודסקי אין וואַרשאַ ביז דעם 25. אויגוסט. ביז דער צייט וועלען צוריק קומען פרעמיער באַרטעל און מיניסטער זאַלעסקי, מיט וועלכע מאַרשאַל פילסודסקי וועט אָבהאַלטען אַ קאָנפערענץ און ערשט דאן וועט ער אָבפאָהרען אויף איניגע וואָכען קיין רומעניען.

פּאַרק HELENÓW

היינט, מיטוואך דעם 15 אויגוסט 3 נאכמ. קומט פאר

א גראנדיעזע

גארטען=פערווײלונג לטובת דער נאַכט-פּאַנאַטאָוויע ביי „לינת הצדק"

אויפטריט פון אוקראַינישען כאר :-: טענץ פון בעוואוסטען טענצער ברוך לייבאוויטש.

פאַנטאָווע לאָטעריע! מיט אויסערגעוועהנליכע ווערטפולע פאַנטען, צ. ב.: לייוונד, ראַדיא, פּאַטעפאָן א. אנד. פאַנטאָווע לאָטעריע!

2 אָרקעסטערס, פייערווערק, קאָנפעטי, סערפּענטין א. אַנד.

איינגאַנג פאַר דערוואַקסענע 1,50 זל., פאַר יוגענד און שילער 50 גר. :-: ביליגער כשר'ער בופעט אויפ'ן אָרט.

פון 10 אין אָוונד וועט אין זאַל פון גאַרטען פאַרקומען אויפטריטען פון „אררט"=אַנסאַמבל, וועלכע וועלען אויספיהרען די בעסטע נומערן פון זייער אינהאַלטסרייכען רעפּערטואַר.

– נאָך דער פאַרשטעלונג – דאַנסינג ביז אין דער פריה. איינטריט אין זאַל 2 זל.

בעמערקונג: ביי אַ אומגינסטיגען וועטער וועט דער טערמין פון דער פערווײלונג בעזונדער מיטגעטיילט ווערען.

הסתדרות „צעירי אגודת ישראל"

לאדז, נאַרוטאָוויטשאַ 11

היינט, מיטוואָך, דעם 15-טען אויגוסט, 8 אַ זייגער אין אָוונד קומט פאַר אין לאָקאַל פון דער „אגודה", נאַרוטאָוויטשאַ 11

א גרויסע פערזאמלונג

מיט דער בעטייליגונג פון ח' ב. גודמאַן (לאָנדאָן)

גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער אלוו. פּאָליטישער עקזעקוטיווע פון „אגודת ישראל"

חברים ערשיינט מאסענווייז! חברים ערשיינט מאסענווייז!

DR. MED.

DONCHIN

ספּעציאַל=אַרצט פאַר אויגען-קראַנקהייטען

צוריקגעקעהרט

קיין פוילע

נעמט אָן

מאָנטאָג, דינסטאָג, מיטוואָך און דאָנערשטאָג

פון 10–1 און פון 4–7 נ.מ.

מאַניושקי 1 (Moniuszki) טעל. 9-97.

די געמיינזאמע פאך-קאמיסיע פוז דאמען-מאגאזין

אלעע 1=טער מאַי 2.

רופט היינט, מיטוואָך, דעם 16-טען אויגוסט, 11 אַ זייגער פאַרמיטאָג

א אלגעמיינע פערזאמלונג

פוז דאמען=מאַגאַזין=פאַך צוליב דער אנגענומענער אקציע אין פאַך.

מיר ווענדען זיך דעריבער צו אַלע דאַמען-בעשטעלטע שניידער-מייסטער, וועלכע אַרבייטען מאַגאַזין-אַרבייט, אַז זיי זאָלען אומבעדינגט קומען אויף דער דאָזיגער פערזאַמלונג.

מיט אַכטונג

990 די געמיינזאמע פאך=קאמיסיע.

צענטר. קליינהענדלער=פעראיין

אויף לאָדזער וואָיעוואָדזטווע, זאַוואַדזקאַ 5.

אכטונג! קליינהענדלער, אכטונג!

מיר מאַכען בעקאַנט אונזערע מיטגלידער, אַז יעדער קליינהענדלער איז מחויב און פערפליכטעט לויט דער לעצטער פעראָרדנונג פון וואָיעוואָדע צו רעגיסטרירען זיין האנדעלס= און אינדוסטרי=פּאַטענט ביז דעם 31=טען ד. ח. אין פאַל ווען דאָס אויבענדערמאָנטע ווערט נישט צום פעסטגעזעצטען טערמין דורכגעפיהרט דראָהט אַ שטראָף פון 1000 זל. און 14 טעג אַרעסט. מיר פאָדערען אויף אַלע אונזערע מיטגלידער די רעגיסטראַציע נישט צו פערנאַכלעסיגען און צו מעלדען זיך אין דער קאַנצעלאַריע פון פעראיין אין די ביוראָ-שטונדען פון 11–2 און פון 6–10 אַ זייגער אָוונד מיטברענגענדיג דעם פּאַטענט פון יאָהר 1927.

בעמערקונג: עס ווערט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס רעגיסטרירען טאָר מען נישט אָפּלייגען אויף די לעצטע טעג, ווען עס מוזען דורכגעפיהרט ווערען פערשידענע נויטיגע פאָרמאַליטעטען.

די פערוואלטונג.

צו אלע פוטער-הענדלער אין לאדז!

מיר מאַכען בעקאַנט אַלע פוטער-הענדלער אין לאָדז, אַז היינט מיטוואָך, דעם 15 אויגוסט, 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג קומט פאָר

א פערזאמלונג

פון אַלע פוטער-הענדלער אין אונזער פעראיין זאַוואַדזקאַ 5 וועגען די האַנדעלס-שעה'ן און שטייער-פראַגע און אויך זעהר וויכטיגע פראַגען.

מיר פאָדערען אויף אַלע מיטגלידער נישט צו בעציהען זיך גלייכגילטיג צו דער פערזאַמלונג. עס האַנדעלט זיך אין אַ לעבענס-פראַגע. עס טאָר נישט פעהלען איינער פון אונז פוטער-הענדלער.

די פערוואלטונג.

אנאנסען איז נייעם פאלקסבלאט האבען דעם גרעסטען ערפאלג!

